# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת אחרי קדושים | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידא

**אחרי מות - קדושים:** יש לומר על ההמשך על הא דאמרו חכמינו ז"ל (ברכות ס"ג ע"ב) זאת התורה אדם כי ימות באהל, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמה עלי'. וזהו אחרי מות אם אדם ימות עצמו, אז הוא יכול להיות קדוש (אך פרי תבואה).

**כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכמעשה ארץ כנען:** שמעתי מאבא מארי הגאון הצדיק מו"ה אלעזר ניסן זלה"ה אב"ד דק"ק דראביטש, מעשה ארץ מצרים וארץ כנען לא נאמר, כי אם כמעשה, ר"ל אפילו אם תעשו כמעשה של ארץ מצרים וכנען, היינו דבר המותר שהם עושים, כמו משא ומתן ומאכל ומשתה, אתם לא תעשו כמעשיהם, כי אם משונה מהם שהם עושים זאת למלאות תאותם, ואתם לא כן, רק עשו לשם שמים לקיים בו מצות ה', על דרך (יבמות כ' ע"ב) **קדש עצמך במותר לך**, שגם המותר לך יהיה בקדושה ובכונה רצוי' די סיפוק לשם שמים, עיין רמב"ן על הפסוק (ויקרא י"ט) קדושים תהיו עכ"ד (ייטב פנים, פורים ד"ה עוד יאמר)

## דרש דרש

**ושמרתם את חקתי ואת משפטי אשר יעשה אתם האדם וחי בהם אני ד'.** רש"י זאגט אויף אני ד' נאמן לשלם שכר, לכאורה וואס וויל די תורה דא זאגן מיט דעם.

עס שטייט פונעם **רבי'ן ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע**, די גמרא זאגט (עירובין דף י"ג ע"ב) אז די בית שמאי און די בית הלל האבן זיך געקריגט אויב עס איז גוט אז א מענטש זאל באשאפען ווערן,אדער נישט, נאכדעם זאגט די גמרא, "נמנו וגמרו" אז עס איז בעסער אז א מענטש זאל נישט באשאפען ווערן, איז דער מהרש"א מסביר די לשון פון "נמנו וגמרו", ווייל זיי האבן צוזאם געציילט די מצוות און די עבירות, און מען האט געזעהן אז מצות עשה איז דא (רמ"ח) 248 און לא תעשה'ס איז דא (שס"ה) 365, איז דאך דא מער עבירות, קען דאך א מענטש שנעלער נכשל ווערן מיט א עבירה, וועגן דעם איז בעסער ער זאל נישט באשאפען ווערן.

זאגט דער **רבי ר' שמעלקא** אז עס שטייט דאך אין די גמרא אז **מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, אבער מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה**, קומט אויס לויט דעם אז ווען א איד וויל גיין מקיים זיין א מצוה, און ער טראכט עס צו טוהן איז ער שוין מקיים א מצוה, איז דאך א יעדע מצוה אזוי ווי צוויי, אבער ביי א עבירה איז דאך נישט אזוי, איז דאך שוין דא מער מצות עשה'ס ווי לא תעשה'ס, במילא איז שוין יא גוט אז א מענטש זאל יא באשאפען ווערן.

זאגט **דער עצי חיים זי"ע** לויט דעם קען זיין פשט אין פסוק ושמרתם את חקתי, ושמרתם איז א לשון פון טראכטן במחשבה, עטס זאלטס טוהן די מצות אויך במחשבה, במילא וועט זיין **וחי בהם** אז עס וועט זיך יא לוינען אז מען זאל באשאפען ווערן, אויף זאגט יעצט רש"י נאמן לשלם שכר אז מען וועט אויך באקומען שכר אויף די מחשבה.

## מעשה רב

### ויראת מאלקך

זאגט רש"י שמא תאמר אין מי שמכיר בדבר ת"ל ויראת מאלקיך.

**דער צדיק ר' זונדל סאלאנטער זצ"ל** איז אמאל געפארן אונטערוועגענס מיט א פראסטן בעל עגלה, אונטערוועגענס איז מען אריבערגעפארן א פעלד וואו עס איז געווען היי פאר די פערד, און עס האט דעם בעל עגלה פארגלוסט צו גנב'ענען פון די היי. האט ער געבעטן ר' זונדל זאל אכטונג געבן אויף די פערד ביז ווען ער קומט צוריק.

דער בעל עגלה איז געגאנגען און זיך אנגעפולט צוויי פולע הענט מיט די גניבה, און ער האט אנגעהויבן צוריק צו קומען צום וואגן. פלוצלונג הייבט אן ר' זונדל צו שרייען "מען קוקט! מען קוקט!" דער בעל עגלה האט זיך דערשראקן, ער האט אראפגעווארפן די היי און ער איז ארויפגעלאפן אויפן וואגן און אפגעיאגט פון דארט.

אונטערוועגענס דרייט ער זיך אויס, און ער קוקט צוריק צו זעהן צי מען לויפט אים נאך, ער זעהט אבער קיינעם נישט, האט ער זיך צובייזערט אויף ר' זונדל'ען "היתכן, אזא מענטש ווי איר זאגט פשוט ליגנט?!"

האט ר' זונדל גענטפערט "איך האב ח"ו נישט געזאגט קיין ליגנט, איך זאג דיר באמת אז מען האט געזעהן", דער בעל עגלה האט זיך געוואונדערט "ווער האט געזעהן עס איז דאך קיינער נישטא?!"

האט אים ר' זונדל געוויזן מיט די פינגער אויפן הימל "פון דארט האט מען געקוקט! ויראת מאלקיך!"

**קדושים תהיו וגו׳ איש אמו ואביו תיראו:** דער רבי מרן הגה״ק בעל ברך משה זצוק״ל איז מסביר די סמיכות פון **קדושים תהיו** מיט **כיבוד אב ואם**, ווייל כדי צו צוקומען צו א בחינה פון זיין ׳קדושים׳, דאס הייסט אז מ׳זאל מקיים זיין יעדע מצוה ווי עס איז דער רצון ה׳, דאס קען נאר זיין מיט צוויי תנאים, איינס אז מ׳רירט זיך נישט אוועק פון קבלת אבות, און די צווייטע איז אמונה פשוטה גלייבן בתמימות אין בורא ב״ה און אין די מצות.

דאס זאגט דער פסוק **קדושים תהיו**, און די תנאים זענען, איינס: **איש אמו ואביו תיראו**, זיך נישט אוועקרירן פון מסורת אבות ווי שלמה המלך ע״ה זאגט (משלי א׳) שמע בני מוסר אביך ואל תיטוש תורת אמך. און די צווייטע איז **ואת שבתותי תשמורו**, וואס צייגט אויף אמונה פשוטה בה׳, ווי דער פסוק זאגט (שמות ל״א) כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש.

*

**ואהבת לרעך כמוך אני ה׳:** דער חיד״א איז מסביר די כוונה פון די ווערטער **אני ה׳**. ווייל ווען א מענטש האט ליב זיין חבר, איז כמים פנים לפנים, און זיין חבר האט אים אויך ליב, אזוי איז דא צוויי אהבות, און צוויי מאל אהב״ה, איז בגימטריא כ״ו אזוי ווי דער מספר פונעם שם הוי״ה.

דאס זאגט דער פסוק **ואהבת לרעך כמוך**, דורכדעם **אני ה׳**, ווערט נתייחד דער נאמען פונעם אייבערשטן ווייל דאס באטרעפט כ״ו אזוי ווי צוויי מאל אהב״ה.

*

**את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו אני ה׳:**

דער **ילקוט הגרשוני** איז מסביר די סמיכות פון שבת מיט מורא מקדש, ווייל ס׳איז באקאנט אז אידן ווערן אנגערופן בנים למקום, און שמירת שבת איז א ראי׳ דערצו, ווייל א עבד טאר זיך נישט באנוצן מיטן שרביטו של מלך נאר א זון, און שבת איז שרביטו של מלך, וועגן דעם מעגן נאר אידן היטן שבת אבער נישט קיין גוים, ווייל זיי האבן נישט קיין דין בנים למקום.

דער **חיד״א** זאגט אז מ׳קען טרעפן א לימוד זכות אויף די וואס טרויען זיך צו רעדן אין ביהמ״ד, וואס דאס איז א איסור חמור ונורא, און דאס איז מעורר א קטרוג אויף אידן ח״ו ווייל די גוים אין זייערע תיפלות פירן זיך אויף מיט דרך ארץ און יראת הכבוד. ווייל אידן זענען בנים למקום און א קינד טרויעט זיך צו רעדן ביי א טאטן אין שטוב.

דאס זאגט דער פסוק **את שבתותי תשמורו**, איז דאך א ראי׳ אז מ׳האט א דין בנים למקום, וועסטו דאך מיינען ח״ו אז מ׳מעג רעדן אין ביהמ״ד, זאגט אן די תורה **ומקדשי תיראו**, אז מ׳זאל נישט רעדן אין ביהמ״ד ווייל דאס איז זייער א הארבע זאך.

## יגעת ומצאת!

די וואך וועלן מיר אי״ה לערנען די ״יגעת ומצאת״ איבער די יארצייטן פון די הייליגע צדיקים מאורי הדור, און תלמידי הבעש״ט הק׳ זי״ע, וואס זייער יארצייט געפאלט אין חודש אייר.

**הרה״ק רבינו נפתלי צבי הלוי הורוויץ זי״ע, בן, אב״ד, בעמח״ס, תלמיד, נפטר. – הגה״ק רבי יחזקאל הלוי לאנדא זי״ע, אב״ד, בעמח״ס, וס׳, נפטר, שנת. – הרה״ק רבי ישעי׳ קערעסטירער זי״ע ב״ר, תלמיד ומשב״ק הרה״ק, נפטר, שנת. – הרה״ק ר׳ שמעלקא הלוי הורוויץ זי״ע, תלמיד הרה״ק, אחי הרה״ק, אב״ד, בעמח״ס, נפטר, שנת. – רבינו משה איסרליש זי״ע, בעל, בן, אב״ד, נפטר, שנת. – הרה״ק מענדעלע רימאנוב׳ער זי״ע ב״ר, בעמח״ס, תלמיד הרה״ק, נפטר, שנת – הרה״ק רבינו משה חיים אפרים, אב״ד, בעמח״ס, ב״ר, אמו, בת, אחיו הרה״ק, נפטר, שנת. – הגה״ק רבי הלל קאלאמייער זי״ע, בעמח״ס, תלמיד הרה״ק, נפטר, שנת. – הרה״ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי״ע, בן הרה״ק, בעמח״ס, נפטר, שנת. – הרה״ק רבי ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער זי״ע, בן, תלמיד נפטר, שנת.**

## מילי דרמיזא

**לא תאכלו על הדם:** דער **בלאזוב׳ער רבי זצוק״ל בעל צבי לצדיק** זאגט א שיינעם רמז:

ווייל די גמ׳ זאגט - אזוי שטייט אויך אין רמב״ם - אז א מענטש זאל זיך נישט אנעסן איינגאנצן, נאר ער זאל עסן צוויי דריטל.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק ווייל **אכילה** איז בגי׳ ס״ו, און א דריטל וואס מ׳דארף ווייניגער עסן איז כ״ב, בלייבט איבער מ״ד, דאס איז ד״ם.

דאס זאגט דער פסוק **לא תאכלו על הדם** זאלסט נישט עסן מער ווי **ד״ם**, וואס דאס איז צוויי דריטל פון כדי שביעה.

*

**קדושים תהיו - איש אמו ואביו תיראו:** דער **הייליגער לעכאוויטשער זי״ע** טייטשט בדרך מליצה, **קדושים תהיו**, וואס איז דער וועג ווי אזוי צו זיין הייליג, **איש**, יעדער מענטש, **אמו** פון זיין **מותר** (מוטער), **ואביו** און זיין פטור (פאטער) **תיראו** דארף מען מורא האבן, ווייל כדי צו זיין הייליג טאר מען נישט זוכן אז מ׳זאל מעגן טון יעדע זאך אויב מ׳קען נאך טרעפן דערויף א היתר, אדער אויב מ׳קען זאגן אז עס איז נישט קיין עבירה, נאר עס איז פטור אדער מותר, נאר אדרבא, מ׳דארף זיך מרחק זיין פון צ״ט שערי היתר, אפילו לפנים משורת הדין, כדי נישט צו צוקומען צו קיין איסור. דאס איז דער וועג ווי אזוי מ׳קען זוכה זיין צו צוקומען צו מעלת הקדושה.